# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

פרשת יתרו, כ' שבט תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון כ'


**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות........................5:12
מוצאי שבת קודש....................6:44

## א מעשה פון תפלה

### שמשון הערש טייטעלבוים

די טעלעפאון פון מיין ווייב איז אריינגעפאלן אין וואסער און אויפגעהערט ארבעטן איך האב עס גלייך אריין געלייגט אין רייז, עס האט נאר געהאלפן אז די מח זאל צוריק אנהייבן ארבעטן אבער די סקרין האט נישט געארבעט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אפאר טעג עס זאל צוריק אנהייבן ארבעטן, נאך אפאר טעג רעד איך צו איינעם מיט וועם איך ארבעט און איך זאג אים וועגן דעם, זאגט ער מיר געב מיר עס איך וועל עס מאכן ארבעטן, און אזוי איז טאקע געווען, אויף עפעס א אינטערסאנטע וועג האט ער עס געמאכט ארבעטן, ער האט גענומען א אלטע פאון וואס יענץ האט נאר געארבעט די סקרין, און דעי פאון האט נאר געארבעט די מח אבער נישט די סקרין, ער האט עס צאמגעשטעלט, און ברוך השם עס האט צוריק אנגעהויבן ארבעטן ווי פריער. שכח אייבערשטער!

### אברהם יושע וועבערמאן

איך בין געפארן מיט מיין קאר און איך האב נישט באמערקט אז איך בין שוין ליידיג פון געז, איך בין גלייך געפארן צום געז סטעישאן, ביזדערווייל האט די געז אין די קאר געוויזן אז עס איז שוין אינגאנצן ליידיג, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן א גאנצע וועג צום געז סטעישאן אז איך זאל נישט דא סטאק ווערן אינמיטן, און שכח אייבערשטער אז איך האב נאך געקענט אנקומען ביזן געז סטעישן.

**מודעה**

אלע חשובע פרויען וואס ווילן האבן א וועג צו די פלעי פון "דער בערגער און דער ארעמאן" דעם קומענדיגן זונטאג אדער מאנטאג, זאלן זיך מעלדן ווי שנעלער צו מרת הײלפרין תחי' כדי צו קענען יעדן צופרידענשטעלן על צד היותר טוב.

די נומער צו רופן איז 845-640-6912

## נייעס אין שטעטל

זונטאג ביינאכט איז געפראוועט געווארן גאר א שיינע **חמשה עשר בשבט טיש**, דער ראש ישיבה שליט"א איז ספעציעל געקומען צו די סעודה און פארברענגט א לענגערע צייט צוזאמען מיט די אינגעלייט וואס וואוינען אין שטעטל.

אינמיטן די סעודה האט דער ראש ישיבה שליט"א גענומען אויפ'ן שויס הילד הנחמד נחמן נתן א זוהן פון ר' הערשל שניטצלער נ"י וואס האט די ערשטע חתונה געהאט אין בית המדרש היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג, דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אנגערופן אז דאס איז **די ערשטע אייניקל פון די ישיבה.**

די ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן די שיעור מיט דעם אז היינט איז א גרויסע טאג ווייל עס איז די יום הולדת פון הייליג'ן רבי נתן ז"ע וואס באמת פירט מען זיך נישט צו מאכן קיין סעודת יום הולדת - ווייל מען ווייסט נישט וואס עס גייט זיין ביים סוף מיט דעם מענטש, צו ער גייט צוגעבן פאר די וועלט אדער חלילה פארקערט, אבער ביי צדיקים וואס מען זעהט שוין ווען ער לעבט נאך וואס ער האט אלץ שוין אויפגעטוהן פאר די וועלט, ביי אזא צדיק מאכט מען יא א סעודה אין די טאג פון די יום הולדת, דערפאר פלעגט מען זיך צאמנעמען ביי רבי נתן ט"ו בשבט.

דערנאך האט מען ארום גערעדט פון ט"ו בשבט, וואס מען לערנט זיך ארויס פון דיביימער אז אפילו ווינטער זעהט נישט אויס אז עס גייט נאך עפעס וואקסן פון דעי ביימער, דאך ווען עס גייט דורך די ווינטער הייבט עס אן שפראצן זייער שיין און עס געט ארויס פיינע פירות, די זעלבע איז מיט א מענטש אז אפילו ער מיינט פון מיר וועט שוין גארנישט זיין איך בין קאלט איך האב גארנישט אין מיר, ניין, געב נישט אויף, עס וועט נאך זיין פון דיר שיינע זאכן.

א בוים קען נאר וואקסן אויב מען גיסט וואסער אויף דעם, די זעלבע זאך א מענטש קען נאר וואקסן מיט וואסער, וואסער איז תורה - תפלה און תשובה, מען דארף יעדן טאג אביסל לערנען כדי צו קענען אנגיין אויף דעי וועלט, און אזוי אויך רעדן צום אייבערשטן יעדן טאג, און תשובה טוהן יעדן טאג.

מען דארף מחנך זיין די קינדער קליינערהייט, אזוי וואקסן זיי אויס זייער גוט, איך האב זייער הנאה דא אין שטעטל צו זעהן שבת ווי די קינדער זיצן לעבן די טאטעס ביים דאווענען, דאס איז די שענסטע זאך.

די מצוות דארף מען אריין לייגן אין די קינדער מיט א שמחה, ווי למשל עס קומט א יום טוב דארף מען זינגען מיט א פריילירכע ניגון, אה ברוך השם עס קומט שוין יום טוב פורים, אה עס קומט שוין יום טוב פסח, נישט מען זאל קרעכצן, אוי עס קומט שוין יום טוב ווי גייט מען האבן געלט !

די עיקר דארף מען זעהן זיך צו האלטן באחדות, און מען קען נישט זיין באחדות נאר אז מען וויל גארנישט, איך בין א גאסט דא אין שטעטל, איך פריי מיך איך האב געטראפן א פלאץ וואס גיבט מיר שכל וויאזוי זיך צו פירן מיט א ווייב און קינדער.

# בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת יתרו, ט"ז שבט, שנת תש"פ לפרט קטן

**... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב, קרית ברסלב ליבערטי.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך הער זייער גוטע גריסן אויף דיר פון דיינע טיטשערס; זיי זאגן מיר ווי שיין דו פירסט זיך מיט דרך ארץ, דו זיצט אין כתה מיט כבוד, דו רעדסט נישט ווען דיינע טיטשערס רעדן און אזוי ווייטער.

... תחי', שפיל זיך שיין מיט דיינע חבר'טעס, שפיל מיט יעדע מיידל, מאך נישט קיין אויסנאם, דו זיי יעדן איינעם'ס חבר'טע, וועסטו מיר מאכן א נחת רוח.

איך וויל זייער שטארק אז די עלטסטע קלאס פון בית פיגא ליבערטי זאלן אריין קומען זונטאג אין שטאט צו די פלעי' וואס די מיידלעך פון בית פיגא וויליאמסבורג שטעלן פאר, די מעשה פונעם בערגער מיט'ן ארעמאן, די מעשה וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט. איך וועל זארגן פאר ענק איר זאלט האבן פלעצער און א וועג אהין און צוריק אהיים.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת פנחס, י"ט תמוז, שנת תשע"ט לפרט קטן

מרת ... תחי'.

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

וואויל איז אייך אז איר געבט זיך אפ מיט די קינדער און איר לייגט קריאת שמע מיט זיי יעדע נאכט, **איר זינגט קריאת שמע מיט א ניגון עס זאל אריין גיין אין זייערע הערצער מיט א זיסקייט.**

רבי נתן זכרונו לברכה האט געזאגט: "עס איז ביי מיר חשוב מחנך צו זיין מיינע קינדער, פונקט ווי אויפשטיין זאגן 'תיקון חצות'"; רבי נתן האט נישט געוואלט גיין שלאפן פאר זיינע קינדער קומען אהיים פון חדר ווייל ער האט זיי געוואלט מחנך זיין; ער האט זיי געוואלט מחנך זיין צו מאכן ברכות און לייגען קריאת שמע, איז אויסגעקומען אז האט ער נישט געקענט גיין שלאפן פרי צו קענען אויפשטיין ביי חצות, אבער דאס איז אים געווען פונקט אזוי חשוב ווי די עבודה פון חצות.

אויף אייער פראגע פון קול באשה, איר פרעגט צי איר זאלט זינגען קריאת שמע אין באנגעלאו אדער ענדערש נישט זינגען ווייל מען קען ארויס הערן; ביי אייך אין שטוב קענט איר זינגען מיט די קינדער און איר דארפט נישט חושש זיין אויף קול באשה אויב מען קען ארויסהערן, חוץ אויב עס איז דא געסט ביי אייך אין שטוב דעמאלט זאלט איר אכטונג געבן נישט צו זינגען אויפן קול, אבער ווען איר זענט אליינס אין שטוב מיט אייער מאן און קינדער זאלט איר ווייטער זינגען פאר אייערע קינדער קריאת שמע און נאך ניגונים.

דורכאויס אלע דורות האבן זיך די אידישע מאמעס געפירט צו איינוויגן די קינדער מיט שיינע ווארעמע ניגונים, ניגונים וואס א קינד הערט פון די מאמע האט אזא שטארקע כח אויפ'ן קינד אז דאס באגלייט זיי א גאנץ לעבן. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה דערציילן אויף רבי חנינא (חולין כד:) אז ביי די אכציג יאר האט ער נאך געהאט כח צו שטיין אויף איין פוס און אנטון די שיך און אויסטון די שיך פון די אנדערע פוס, ער האט געזאגט: "חַמִּין וְשֶׁמֶן שֶׁסָּכַתָּנִי אִמִּי בְּיַלְדוּתִי הֵן עָמְדוּ לִי בְּעֵת זִקְנוּתִי", די ווארעמע וואסער און די אויל וואס מיין מאמע האט מיר געשמירט און געוואשן אין מיינע יונגע יארן דאס העלפט מיר אין די עלטערע יארן; זאגט אויף דעם דער הייליגער מנחת אליעזר (דברי תורה חלק ט, סימן נג) אז דאס מיינט נישט בפשטות ווארעמע וואסער מיט אויל, נאר דאס מיינט מען די ווארעמקייט פון זיין מאמע, און די אויל - דאס איז די חכמה פון זיין מאמע - דאס האט אים געהאלפן; אז א מאמע לייגט אריין **ווארעמקייט אין מצות ומעשים טובים** העלפט דאס מען זאל א גאנץ לעבן זיין אן ערליכער איד.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.



ט"ו בשבט
תש"פ

